# LIVING TORAH

# פרשת בשלח

## בס"ד. משיחת יו"ד שבט ה'תשמ"ו.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ווי אַזוי קען מען זאָגן "והיתה להוי' המלוכה", אַז ס'איז אַ זיכערע זאַך, אַז מענטשן וועלן ממלא-זיין תפקידם, זייער אויפגאַבע, ווי דער אויבערשטער האָט געוואָלט, און ס'וועט זיך דורכפירן דעם אויבערשטנ'ס רצון, אַז ס'וועט זיין אַ וועלט וואָס זי איז "גנוני", וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן דעם אויבערשטן,

איז זעט מען צוזאַמען – ווי כאמור לעיל – אַז ס'איז געוואָרן דער צוזאַמענשטויס און די התנגדות פון צוויי "בלאָקן" וואָס אויף זיי טיילט זיך די גאַנצע וועלט – דוקא אין די שנים הכי אחרונות,

צוזאַמען דערמיט איז נתחדש געוואָרן אויך דוקא אין שנים הכי אחרונות, ווי אַזוי פון אַ כמות הכי קטנה קען מען אויפטאָן אַ דבר הכי גדול והכי מבהיל:

אויף משנה זיין אַ משטר, (אַן אָרדער) אַן אָרדענונג, אין אַ שטח גדול אין וועלט, איז אַמאָליקע צייטן האָט מען אויף דערויף געדאַרפט האָבן גרויסע אַרמייען, און געדאַרפט האָבן אַ סך צייט, און גרויסע קוילן וכיוצא בזה, מ'זאָל קענען דערגרייכן אַלע ווינקלען פון דער וועלט, און מ'זאָל קענען דאָרטן מאַכן אַ שינוי עיקרי.

אָט דאָס וואָס ס'איז נתחדש געוואָרן דוקא אין שנים הכי אחרונות, איז, אַז מיט אַ כמות הכי קטנה, ובלשון העולם מיט אַטאָם, בשעת מ'וועט דאָס נאָר אויסנוצן לויט די כוחות און לויט דעם שכל וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן, און אויסנוצן דאָס (אין כמ) אין דער גוטער ריכטונג – קען מען מיט אַ קליינע כמות ממש אויפטאָן אַ שינוי, וואָס דער שינוי זאָל דערגרייכן ברגע כמימרא **בכל העולם כולו**.

וואָס דאָס איז ניט געווען אין די פריערדיקע דורות איז ניט געווען די גאַנצע מעגלעכקייט בהתגלות.

– אין טבע איז דאָס געלעגן באַהאַלטן אויך דעמאָלט, אָבער צו מענטשן איז דאָס ניט נתגלה געוואָרן. און ווי געזאָגט פריער, אַז ס'איז ניטאָ קיין זאַך אין וועלט "לבטלה": כל-זמן מ'האָט ניט געדאַרפט פאַרענטפערן אָט דעם מעמד ומצב – האָט מען ניט געדאַרפט מגלה זיין דעם "תירוץ";

איצטער איז געוואָרן דער מעמד ומצב, אַז אפילו ס'וועט זיין "נער קטן נוהג בם": ער דאַרף ניט האָבן דוקא אַזאַ וואָס ער האָט אונטער זיך אַ גרויסע אַרמיי, אָדער אָן אַ שיעור לאַבאָראַטאָריעס וכיוצא בזה; ער קען זיין אַ "נער קטן" בכמות, אויב נאָר ער האָט אָבער דעם שכל ווי ס'דאַרף צו-זיין, און **נוצט** אים ווי ס'דאַרף צו-זיין, איז מיט איין קוועט-טאָן אויף אַ "באָטן" – אויף אַ קנעפל – קען ער אויפמאַכן אַ מהפכה לטובה בכל העולם כולו ממש.

וכאמור לעיל, ווי מ'זעט דאָס דוקא אין די לעצטע יאָרן און אין די לעצטע חדשים, אַז ס'קען זיין אַ "נער קטן" בפשטות, און בשעת ער וועט צופאַסן און וויסן וועלכן "קנעפל" מ'דאַרף אַ קוועטש-טאָן, און ווי אַזוי אַ קוועטש-טאָן אים – קען ער משנה זיין כל העולם כולו, אַז זי זאָל זיך פירן ווי דער אויבערשטער וויל,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בשלח

בצדק ויושר.

מערניט, כדי ס׳זאָל זיין דער ענין **הבחירה**, האָט מען אויך געלאָזן די מעגלעכקייט, אַז ס׳זאָל קענען זיין רחמנא ליצלן די בחירה בהיפך.

משא״כ, וויבאַלד אַז ס׳דאַרף זיין **״ובחרת בחיים״**: דער אויבערשטער וויל, אַז אַ מענטש זאָל באַוויזן, אַז ער איז אַ **בעל-שכל** און ער קלייבט אויס אין צדק ויושר דערפאַר וואָס ער **פאַרשטייט** אַז דאָס איז ״חיים״, ניט דערפאַר וואָס ער האָט קיין ברירה ניט – במילא גיט מען אויך אַ ברירה, ״נתתי לפניך את החיים ואת הטוב״ און אויך דעם היפך,

און דער אויבערשטער איז **מציע** און גיט כוחות און גיט אַריין שכל און בעט באַ יעדערן, ער זאָל זיך אין דערויף **מתבונן** זיין און אויסנוצן די כוחות וואָס מ׳האָט אים געגעבן אין דעם צד פון חיים וטוב. וואָס דאָס איז דער ענין **הבחירה**.

וואָס דאָס פאַרענטפערט אויך די שאלה: וואָס קען **איין מענטש** אויפטאָן, און ווי אַזוי קען ער אויפטאָן מיט **איין מעשה** אין אַזאַ אופן וואָס וועט ברענגען ״ישועה והצלה״ צו דער **גאַנצער וועלט**?

זאָגט מען אים, אַז דער וואָס קוועטשט-אָן דעם ״קנעפּל״ איז ניט מחוייב זיין דער גרויסער מלומד און פאַרשטיין ווי אַזוי דער אַטאָם אַרבעט, און ווי אַזוי דורכן קנעפּל וועט דאָס אָנקומען צו סוף כל העולם כולו;

דאָס וואָס ווערט פון אים פאַרלאַנגט איז מערניט די **מעשה פשוטה**, ער זאָל אָנקוועטשן דעם פּאַסיקן קנעפּל, אין דער פּאַסיקער צייט, און טאָן דאָס ווי מ׳דאַרף דאָס טאָן.

און אָט דעמאָלט איז ניט נוגע צי ביי אים איז דאָ דער ״נשמע – ונבין״, און פאַרשטיין, מ׳דאַרף מערניט האָבן ער זאָל האָבן דעם ״נעשה״.

וואָס דאָס איז דאָך דער כלל וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בשעת מתן תורה פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז בשעת ס׳קומט צו אַן אָנווייזונג פון דעם אויבערשטן, דאַרף זיין הקדמת נעשה לנשמע.

און אַזוי אויך בפשטות, וכאמור, אין טאָג-טעגלעכן לעבן.

און יעדערער ווייס דערפון – צי ער פאַרשטייט יאָ צי ניט; ער דאַרף גאָר ניט אָנקומען צו כח האמונה – אַז ער קען דאָס דורכפירן: בשעת דער אויבערשטער, על ידי שלוחיו אָדער דורך זיין תורה וכיוצא בזה, וועט אים צופירן צו דעם פּאַסיקן קנעפּל, און צופירן אין דער ריכטיקער צייט, און זאָגן אים ווי אַזוי ער דאַרף אַ ״קוועטש-טאָן״ – אָט דעמאָלט וועט ער זיין אָט דער וואָס וועט דורכפירן בפועל אויף ברענגען ישועה והצלה לכל העולם כולו ממש, בכל ד׳ קצוי הארץ.


© 2002 Jewish Educational Media, Inc.